**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/10/2025

## אלגעמיינע שולע מאלצייטן: גאווארנער HOCHUL (האקול) מעלדט אומזיסטע פרישטאג און מיטאג פאר איבער 2.7 מיליאן סטודענטן אין ניו יארק אלס טייל פון די 2025 סטעיט און די סטעיט

***ערשטע מאל אין סטעיט היסטאריע, וועט ניו יארק דעקן די קאסטן פון אלע שולע מאלצייטן צו העלפן אדרעסירן עסן אומזיכערהייט און פארזיכערן אז יעדע סטודענט קען עסן פאר אומזיסט***

***גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) איניציאטיוו וועט שפארן פאר פאמיליעס א געשאצטע $165 אויף גראסערי פראדוקטן פער קינד יעדן חודש***

***די פראגראם וועט צוריקלייגן געלט אין עלטערן'ס טאשן, מוטיגן געזונטע געוואוינהייטן און ערמעגליכן מער סטודענטן צו האבן סוקסעס***

אלס איר פינפטע פארשלאג פון איר צוגענגליכקייט אגענדע פאר די 2025 סטעיט און די סטעיט, האט גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) היינט געמאלדן א היסטארישע איניציאטיוו צו פארזיכערן אז יעדער איינער פון ניו יארק'ס איבער 2.7 מיליאן סטודענטן קענען באקומען פרישטאג און מיטאג אומזיסט אין שולע. די מאנומענטאלע פראגראם וועט העלפן שפארן עלטערן'ס געלטער, אדרעסירן עסן אומזיכערהייט צווישן ניו יארק קינדער און שאפן מער געלעגנהייטן פאר סטודענטן צו מצליח זיין. גאווארנער Hochul (האקול) וועט אויפדעקן דעם פארשלאג שפעטער היינט אויף לאנג איילענד ביים וועסטבורי מיטל-שולע (Westbury Middle School), א דיסטריקט וואס האט געזען ערשט-האנטיג וויאזוי אלגעמיינע אומזיסטע מאלצייטן האבן פארבעסערט אויסגענג פאר סטודענטן און פאמיליעס.

"די אונטערזוכונג איז קלאר: גוטע עסן אין די עס-צימער ברענגט גוטע רעזולטאטן אין די קלאס-צימער," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "איך שלאג פאר אומזיסטע שולע מאלצייטן פאר יעדע סטודענט אין ניו יארק - געבנדיג קינדער די נערונג וואס זיי דארפן און לייגן מער געלט צוריק אין עלטערן'ס טאשן."

פארשלאגן אומזיסטע שולע מאלצייטן איז א ווירקזאמע וועג צו העלפן קינדער אין שולע און ערמעגליכן זיך צו קאנצענטרירן אין די קלאס-צימער. דורך אוועקנעמען סיי וועלכע פינאנציעלע פארלאנגען צו באקומען דעם בענעפיט, וועט ניו יארק סטעיט אויסגלייכן די פעלד און צוריקגעבן פאר עלטערן די געלטער וואס זיי וואלטן אויסגעגעבן. אומזיסטע שולע מאלצייטן זענען געשאצט צו שפארן פאר פאמיליעס $165 פער קינד אין גראסערי אויסגאבן יעדע חודש און איז געווארן אויפגעוויזן צו העלפן לערנען, שטיצן פאזיטיווע נאכפאלגנדע און פארבעסערן די מיטהאלטן און קלאס-צימער אויפפירונג.

אזא אמביציעזע פארשלאג איז נישט פרובירט געווארן דורך ניו יארק סטעיט בעפאר, און גאווארנער Hochul (האקול) טוט ווייטער פריאריטיזירן אומזיסטע שולע מאלצייטן דורכאויס איר צייט אין אפיס. די 2025 פיסקאלע יאר אקטיווע בודזשעט טוט צושטעלן 180 מיליאן דאלאר צו העלפן מוטיגן בארעכטיגטע

שולעס צו אנטייל נעמען אין די פעדעראלע קאמיוניטי עלעדזשיביליטי פראוויזשן פראגראם (Community Eligibility Provision (CEP) program), ערלויבנדיג אלע סטודענטן אין די באטייליגנדע שולעס צו עסן פרישטאג און מיטאג אומבאצאלט אפגעזען פון זייער משפחה'ס איינקונפט. די נייע סטעיט אוו די סטעיט איניציאטיוו וועט דעקן די קאסטן פון אומזיסטע מיטאג און פרישטאג פאר יעדע סטודענט אין יעדע שולע אין ניו יארק סטעיט אפגעזען פון זייער אנטיילנעמונג אין דעם פראגראם, וועלכע וועט פארברייטערן בארעכטיגונג צו באלד נאך 300,000 סטודענטן.

**NYSUT פרעזידענט Melinda Person (מעלינדא פערסאן) האט געזאגט,** "יעדן טאג אין אונזערע שולעס, זעען ערציערס הונגעריגע קינדער וואס וואלטן מעגליך קוואליפיצירט פאר עקזיסטירנדע אומזיסטע מאלצייט פראגראמען, אבער פאלן דורך די לעכער צוליב סטיגמא אדער בוראקראטיע. באלד איינס אין זעקס ניו יארק קינדער שטייען אויס עסן אומזיכערהייט, און די קריטישע איניציאטיוו צוזושטעלן אלגעמיינע אומזיסטע מאלצייטן פאר אלע סטודענטן - אפגעזען פון זייער ZIP קאוד אדער פאמיליע איינקונפט - וועט פארמינערן עסן אנגסט, פארבעסערן גייסטישע און פיזישע געזונט און שטיצן סטודענטן'ס מעגליכקייט צו בליען. יעדע קינד, אפגעזען זייערע אומשטענדן, קומט זיך די נערונג וואס זיי דארפן צו וואקסן און לערנען."

**Community Food Advocates עקזעקיוטיוו דירעקטאר Liz Accles (ליז) האט געזאגט,** "די געזונטע שולע מאלצייטן פאר אלע קאאליציע (Healthy School Meals for All Coalition) האט אלעמאל געגלייבט אין די כח פון רעגירונג צו ארבעטן פאר די גוטס פון די מענטשהייט. אלגעמיינע אומזיסטע שולע מאלצייטן איז א גלייך-טאפבארע און גוטע ביישפיל פון די פרינציפ אין עקשן. מיר דאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פארן אנפירן דעם פראבלעם און מאכנדיג עס פאר א הויפט-פריאריטעט-מיר זענען באמת צופרידן."

**Andrés J. Vives Hunger Solutions New York CEO (אנדרעס דשעי. וויוועס) האט געזאגט,** "מיט די היינטיגע מעלדונג, האט גאווארנער Hochul (האקול) קלארגעשטעלט אז ניו יארק וועט ווייזן די וועג צו פארזיכערן אז אלע קינדער האבן צוטריט צו די עסן וואס זיי דארפן צו קענען בליען. אלגעמיינע צוטריט צו אומזיסטע שולע פרישטאג און מיטאג וועט פארלייכטערן הונגער, שטיצן קינדער'ס גייסטישע און פיזישע געזונט, און צושטעלן שטארק-נויטיגע פינאנציעלע פארלייכטערונג צו פאמיליעס וואס פלאגן זיך מיט הויכע קאסטן פון לעבן. מיר אפלאדירן די גאווארנער'ס פירערשאפט פון די היסטארישע אינוועסטירונג און קוקן ארויס צו ארבעטן מיט די לעגיסלאטור צו פארזיכערן אז די פארשלאג איז אריינגערעכנט אינעם ענדגילטיגן בודשעט."

**ניו יארק סטעיט שולע באורדס אסאסיאציע עקזעקיוטיוו דירעקטאר Robert S. Schneider (ראבערט ס. שניידער) האט געזאגט,** "NYSSBA איז צופרידן צו שטיצן דעם איניציאטיוו. די לעצטע צוויי סטעיט בודשעטן האבן געמאכט באדייטנדע אינוועסטירונגען אין שולע מאלצייטן, און די פראגראם בויט אויף די פארשריט דורך צושטעלן א באמת אלגעמיינע שולע מאלצייטן פראגראם. דאס וועט פארזיכערן אז קינדער גייען נישט אין שולע הונגעריג און העכערט די טשאנסן צו זיין סוקסעספול אין די קלאסצימער."

**שולע אדמיניסטראטארס אסאסיאציע פון ניו יארק סטעיט עקזעקיוטיוו דירעקטאר Jennifer Carlson (דשעניפער קארלסאן) האט געזאגט,** "די שולע אדמיניסטראטארס אסאסיאציע פון ניו יארק סטעיט (SAANYS) לויבט אויס די גאווארנער'ס איינשליסונג פון באדייטנדע פינאנצירונג צו פארזיכערן אז יעדע סטודענט איז בארעכטיגט צו באקומען פרישטאג און מיטאג אין שולע. שולע פירערס וואס ארבעטן מיט סטודענטן און פאמיליעס האבן אנערקענט די קריטישע געברויך צו צושטעלן סטודענטן מיט א געזונטע אנפאנג צו יעדן טאג. די גאווארנער'ס פארגעשלאגענע פינאנצירונג וועט צושטעלן פאר אלע סטודענטן מיט די ערנערונג וואס איז נויטיג אנטיילצונעמען אין די לערנען פראצעדור און שטיצן פאמיליעס

דורך פארמינערן קאסטן פאר אזעלכע מאלצייטן. מיר זענען צופרידן און געמוטיגט צו זען אזא פינאנצירונג פארגעשלאגן אין די גאווארנער'ס סטעיט אוו די סטעיט אדרעס."

**ניו יארק סטעיט קאונסיל פון שולע סופעראינטענענדטס עקזעקיוטיוו דירעקטאר Charles Dedrick (טשארלס דעדריק) האט געזאגט,** "מיר לויבן אויס גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) פארשלאג צו פארזיכערן צוטריט צו אומזיסטע אין-שולע מאלצייטן פאר אלע קינדער. עס וועט פארמינערן הונגער צווישן שולע-קינדער, שפארן פאר עלטערן צייט און געלט און פארלייכטערן אדמיניסטראציע פאר שולעס. סופעראינטענדענטס לענגאויס די סטעיט האפן אז עס וועט ווערן אקטיוויזירט אין די קומענדיגע סטעיט בודשעט."

**NY שולע נערונג אסאסיאציע Jennifer Martin CEO (דשעניפער מארטין) האט געזאגט,** "אלס אן ארגאניזאציע איבערגעגעבן צו די וואוילזיין און צוקונפט פון אונזער סטעיט'ס קינדער, אפלאדירן מיר גאווארנער Hochul (האקול) פארן אריינגעמען שולע מאלצייטן פאר יעדעם אינעם היי-יעריגן בודשעט. די שטארקע און זארגפעלטיגע שריט פארזיכערט אז יעדע קינד, אפגעזען פון אפשטאם, האט צוטריט צו די נערונג וואס זיי דארפן מצליח צו זיין אין די קלאס-צימער. א הונגעריגע קינד איז א קינד וואס ווערט אפגעווענדט פון זייער פאטענציאל, און דורך צושטעלן מאלצייטן צו אלע סטודענטן, אינוועסטירן מיר אין זייער געזונט, זייער ערציאונג און זייער צוקונפט. מיר מוטיגן אלע לעגיסלאטארס צו שטיין מיט די גאווארנער אין דעם באמיאונג אראפצונעמען צוימונגען און פארזיכערן אז יעדע קינד האט די געלעגנהייט צו בליען. דאס איז א קריטישע שריט צו בויען א שטארקערע, געזונטערע און מער גלייכע צוקונפט פאר אונזער סטעיט."

**נאסאו קאונטי לעגיסלאטור מינאריטעט פירער Delia DeRiggi-Whitton (דעליא דעריגי-וויטאן) האט געזאגט,** "אלגעמיינע פרישטאג און מיטאג פאר ניו יארק'ס שולע-קינדער וועט זיין א שטארקע טויש אין אונזער פארבינדענע מיסיע צו באקעמפן הונגער אין ניו יארק און צושטעלן קריטישע פינאנציעלע דערלייכטערונג פאר נאסאו קאונטי'ס שווער-ארבעטנדע יונגע פאמיליעס. איך אפלאדיר גאווארנער Hochul (האקול) פארן פריאריטיזירן דעם איניציאטיוו אין איר קומענדיגע בודשעט - איינס וואס וועט אויסשטאטן אונזערע פאמיליעס צו בליען און אונזערע סטודענטן זיך אויסצוצייכענען אין די קלאס-צימער."

**טאון אוו נארט העמסטעד קאונסיל מעמבער און וועסטבורי דיסטריקט באורד אוו עדיוקעישן פרעזידענט Robert Troiano (ראבערט טראיאנא) האט געזאגט,** "כמעט יעדער איינער ווערט באטראפן דורך העכערע קאסטן, ספעציעל פאר עסן. די גאווארנער'ס פלאן וועט צושטעלן דערלייכטערונג פאר פאמיליעס לענגאויס די עקאנאמישע ספעקטרום בשעת'ן פארזיכערן אז זייערע קינדער באקומען געזונטע מאלצייטן. אין וועסטבורי, האבן מיר געטראפן אז אקאדעמישע אויפפירונג שטייגט און אויפפירונגס פראבלעמען ווערן וויניגער ווען יעדע קינד איז פארזיכערט מיט א נעהרנדע מאלצייט. מיר האבן אויך געטראפן אז איינפירן אלגעמיינע אומזיסטע מאלצייטן נעמט אוועק פון פאמיליעס די סטיגמא פון די אנגעבונג פראצעדור און דערלייכטערט די שולע דיסטריקט פון די קאסטן און עול פון אדמיניסטרירן די אפליקאציע פראצעדור. מיר אפלאדירן די גאווארנער פארן פארברייטערן די דערגרייכונג פון די אלעגמיינע אומזיסטע מאלצייטן פראגראם צו יעדעם."

**איילענד הארוועסט פרעזידענט און Randi Shubin Dresner CEO (רענדי שובין דרעזנער) האט געזאגט,** "מיט די איין פאליסי פארשלאג, וועט גאווארנער Hochul (האקול) שטארק פארמינערן עסן אומזיכערהייט צווישן ניו יארק'ס סטודענטן. ווען די לעגיסלאטור באשטעטיגט די סטעיט'ס בודשעט, וועט יעדער סטודענט לענגאויס לאנג איילענד און ניו יארק וויסן ווען און פון וואו זייער קומענדיגע פרישטאג און מיטאג וועט קומען יעדן טאג וואס ס'איז דא שולע. עלטערן וועלן האבן מער געלט אין זייערע טאשן צו שטיצן זייערע קינדער, און די וויכטיגסטע, שטודיעס האבן אויפגעוויזן אז ווען קינדער ווערן באהאנדלט

גלייך און האבן די זעלבע צוטריט צו געזונטע עסן אין שולעס, פארבעסערן זיך צייכנס, און באציאונגען צווישן די סטודענטן ווערן שטערקער. עס איז דא ווייניגער אנגעצויגנקייט אין שולע און אינדערהיים. גאווארנער Hochul (האקול) האט אויך פארמערט עסן צוטריט צו סטודענטן אין אירע בודשעטן, געשטיצט עסן בענק און די עמערדשענסי עסן סיסטעם און איז די פירער אין די קאמפ אנטקעגן הונגער און עסן אומזיכערהייט וואס ניו יארק דארף."

**נאסאו-סופאלק שולע באורד אסאסיאציע עקזעקיוטיוו דירעקטאר Bob Vecchi (באב וועטשיא) האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר צו די גאווארנער פארן פארבעסערן דעם צוועק און פירן די וועג אויף דעם פראבלעם. עסן אומזיכערהייט באווירקן אזויפיל קאמיוניטיס אין יעדע ראיאן פון ניו יארק סטעיט. דורך שטיצן דעם איניציאטיוו, נעמט עס אוועק דעם פראבלעם פון עסן אומזיכערהייט אין אונזערע שולעס פאר אזוי פיל, בשעת'ן מאכן זיכער אז די סטודענטן וואס וועלן בענעפיטן דורך דעם שריט וועלן נישט ליידן פון די סטיגמא וואס איז פארבינדן מיטן זיין בארעכטיגט פאר אומזיסטע אדער רעדוצירטע מאלצייטן. די נאסאו-סופאלק שולע באורדס אסאסיאציע שטיצט שטאלץ אומזיסטע שולע מאלצייטן פאר אלע ניו יארק סטעיט סטודענטן."

**געזונט און וואוילזיין קאונסיל פון לאנג איילענד פרעזידענט און Vanessa Baird-Streeter CEO (וואנעסא בעירד-סטריטער) האט געזאגט,** "איך לויב אויס גאווארנער Hochul (האקול) פאר איר שטיצע פון אלגעמיינע שולע מאלצייטן פאר יעדעם. פארזיכערן אז אלע סטודענטן האבן צוטריט צו פרישטאג און מיטאג אין שולע וועט פארבעסערן אקאדעמישע אויפפירונג און פארבעסערן סטודענטן'ס מעגליכקייט זיך צו קאנצענטרירן און געדענקען אינפארמאציע וואס איז גוט פאר זייערע בילדונג איבערלעבענישן. מיט די הויכע קאסטן פון לעבן אין לאנג איילענד, וואס מאכט עס שווער פאר עטליכע פאמיליעס צוצושטעלן דריי מאלצייטן א טאג, וועט וויסן אז קינדער וועלן באקומען געזונטע און ערנעהרנדע מאלצייטן אין שולע שטארק פארלייכטערן די עול פון פאמיליעס."

גאווארנער Hochul (האקול) האט געמאכט באקעמפן עסן אומזיכערהייט א פריאריטעט פאר איר אדמיניסטראציע. אונטער איר פירערשאפט, געבן די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון העלט און די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס עטליכע פראגראמען וואס שטיצן פארמערן עסן און ערנעהרונג זיכערהייט לענגאויס די סטעיט:

**די ערנעהר ניו יארק איניציאטיוו,** געגעבן דורך די דעפארטמענט אוו העלט אין צוזאמענארבעט מיט די דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס, שטעלט צו פינאנצירונג צו שטיצן די איינקויף און צוטיילונג פון ניו יארק סטעיט געוואקסענע אדער פאבריצירטע פראדוקטן, אריינגערעכנט מיליכיגע פראדוקטן און פרוכט און גרינצייג. זינט איר גרינדונג, האט ערנעהר ניו יארק געשטיצט די איינקויף פון איבער 118 מיליאן פונט פון ניו יארק עסן פראדוקטן, געבנדיג א שטופ צו ניו יארק פארמערס און מער ווי 99 מיליאן מאלצייטן צו די וואס נויטיגן זיך דערין.

**פארם-צו-שולע פראגראם (Farm-to-School program)** פארבינדט שולעס מיט לאקלאע פארמס און עסן פראדוצירער צו פארשטערקערן לאקאלע אגריקולטור און פארבעסערן דאס געזונט פון סטודענטן. די פראגראם שטעלט צו פינאנציעלע, טעכנישע, און רעקלאמירונג הילף צו שולעס, פארמס, אויסטיילער, און אנדערע שטיצנדע ארגאניזאציעס צו ברענגען מער לאקאלע, נעהרנדע, פארשידנארטיגע סעזאניקע מאלצייטן צו סטודענטן אין ניו יארק.

**די 30 פראצענט ניו יארק סטעיט איניציאטיוו (The 30 Percent New York State Initiative)** בויט אויף די פארם צו שולע פראגראם דורך העכערן די פארגיטיגונג וואס שולעס באקומען פאר מיטאג מאלצייטן פון 5.9 סענט פער מאלצייט צו 25 סענט פער מאלצייט פאר סיי וועלכע דיסטריקט וואס מאכט זיכער אז זייערע סקול מיטאג מאלצייטן זענען געמאכט פון כאטש 30 פראצענט בארעכטיגטע ניו יארק-

פראדוצירטע און פראצעסירטע פראדוקטן, צושטעלנדיג געזונטערע מאלצייט אויסוואלן פאר סטודענטן און נאך מארקעטס פאר פארמערס.

**ראיאנישע שולע עסן אינפראסטרוקטור גרענט פראגראם ( Regional School Food Infrastructure Grant Program)** וואס טוט צושטעלן 50 מיליאן דאלאר איבער פינף יאר צו שטיצן ראיאנישע קאכן איינריכטונגען וואס פירן צו דאס באנוץ פון פרישע ניו יארק סטעיט פארם פראדוקטן ביים צוגרייטן מאלצייטן פאר K-12 שולע קינדער.

**די הונגער פארמיידונג און ערנעהרונג הילף פראגראם** שטיצט א נעטווארק פון מער ווי 2,600 עמערדשענסי עסן פראוויידערס וואס פארטיילן געזונטע עסן און פרישע פרוכט און גרינצייג צו מענשטן וואס בעטן הילף.

**די ספעציעלע סופלעמענטל נוטרישאן פראגראם פאר פרויען, נייע געבוירענע, און קינדער ( Special Supplemental Nutrition Program for Women, Infants and Children, WIC)** סערווירט מער ווי 425,000 מענטשן דורך זייגן שטיצע, ערנעהרונג ערציאונג, סופלעמענטל נעהרנדע עסן בענעפיטן און העלט קעיר ריפערעלס.

**די קאמאדיטי סופלעמענטל עסן פראגראם (The Commodity Supplemental Food Program)** שטעלט צו אומזיסטע, נעהרנדע עסן צו ערוואקסענע פון 60 יאר און עלטער. ארום 36,000 עלטערע ערוואקסענע זענען אנגעשלאסן אין דעם פראגראם חודש'ליך. דורכאויס די זומער, באקומען אנטיילנעמער נאך בענעפיטן פאר פרישע פרוכט און גרינצייג ביי פארמערס' מארקעטס דורך די עלטערע פארמערס' מארקעט ערנעהרונג פראגראם (Senior Farmers' Market Nutrition Program), אוועילבל אין ניו יארק סיטי און לאנג איילענד. די ציל איז צו פארבעסערן די געזונט פון נידריג-איינקונפט מענטשן וואס זענען 60 יאר אדער עלטער דורך צוגעבן צו זייער דייעט נעהרנדע פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט פון אגריקולטור עסן.

**די קינד און ערוואקסענע קעיר עסן פראגאם (The Child and Adult Care Food Program)** איז א נעהרונג ערציאונג און מאלצייט פארגיטיגונג פראגראם וואס העלפט פראוויידערס סערווירן ערנעהרנדע און אויף א זיכערע אויפן צוגעגרייטע מאלצייטן און סנעקס צו קינדער און ערוואקסענע אין דעיקעיר סעטינגס. די פראגראם איז פינאנצירט דורך די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט פון אגריקולטור און פירט ווייטער ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט צו שטיצן די געזונט און וואוילזיין פון אירע איינוואוינער. אלע קינדער און ערוואקסענע וואס זענען אין טשיילדקעיר צענטערן, קאמיוניטי-באזירטע ערוואקסענע צענטערן, נאך-שולע פראגראמען, היימלאזע שעלטערס און פאמיליע דעיקעיר פראגראמען באקומען מאלצייטן.

**די עסן צוטריט פארברייטערונג גרענט פראגראם (Food Access Expansion Grant Program)** שטעלט צו 10 מיליאן דאלאר צו העלפן פארמערן צוטריט צו עסן פאר ניו יארקערס וואס וואוינען אין געגנטער אן קיין עסן געשעפטן און מעגליכקייטן פאר געזונטע, ביליגע עסן. עס שטעלט צו אינפערסטראקטשער פינאנצירונג צו שטיצן די אנטוויקלונג און פארברייטערונג פון סופערמארקעטס, עסן קא-אפערעטיווס, אוועקגעשטעלטע פארעם סטענדס, און אנדערע ריטעיל עסן געשעפטן אין באזייטיגטע ראיאנען פון די סטעיט, בשעת'ן אויך פארמערן מארקעטס פאר ניו יארק פארמער.

**די פרישפארבינדן פראגראם (FreshConnect Program)** און **די פרישפארבינדן פרישצודיר פראגראם (the FreshConnect Fresh2You program)** וואס דאפלט יעצט די איינקויף קראפט פון די וואס באקומען סופלעמענטל ערנעהרונג הילף פראגראם ( Supplemental Nutrition Assistance Program SNAP) ביי פארמערס' מארקעטס לענגאויס ניו יארק סטעיט. די איניציאטיוו שטעלט צו פאר

בארעכטיגטע ניו יארקער א דאלער-צו-דאלער פאר פון ביז $50 א טאג ביי אנטיילנעמענדע פארמערס' מארקעטס, וואס ערלויבט פאר פאמיליעס אין נויט צו קויפן מער געזונטע עסן, אריינגערעכנט פרוכט און גרינצייג, מילכיגס, אייער און פליישן.

**די פארמערס'ס מארקעט ערנעהרונג פראגראם (Farmers' Market Nutrition Program FMNP)** שטיצט לאקאלע פראדוצירער דורכ'ן פארמערן זייערע סעילס ביי פארמערס' מארקעטס און פארם סטענדס און שאפט געזונטע קאמיוניטיס דורך דעם וואס מען עסט לאקאלע איינגעפלאנצטע עסנווארג. קאסטומער וואס זענען בארעכטיגט באקומען קיופאנס וואס זיי קענען נוצן פאר פרישע פרוכט און גרינצייג ביי איבער 700 מארקעט לאקאציעס, אריינגערעכנט פארמערס' מארקעטס, פארם סטענדס און מאביל מארקעט סטאפס וואס נעמען אנטייל אין די FMNP, געבנדיג געזונטע היים-געפלאנצטע עסנווארג צו קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק.

**די SNAP-Ed פינאנצירונג פראגראם (SNAP-Ed Funding Program)**, וועלכע ווערט צוגעשטעלט אין קאארדינאציע מיט די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability Assistance), צילט צו מאכן לאקאלע פרוכט און גרינצייג מער אוועילעבל און לייכטער צוצוקומען צו סופלעמענטל נוטרישן הילף פראגראם (SNAP) בארעכטיגטע קאמיוניטיס בשעת'ן נעמען לאקאלע פרוכט און גרינצייג און צושטעלן נעהרונג ערציאונג דורך Community Garden און Food Box פראגראמען.

אין צוגאב, טוט די **ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון אגריקאלטשער און מארקעטס** אנפירן מיט די פעדעראל פינאנצירטע ניו יארק עסן פאר ניו יארק פאמיליעס ( New York Food for New York Families) פראגראם, צושטעלנדיג כמעט 50 מיליאן דאלאר צאמצוברענגען עסן בענק און עסן סערוויס ארגאניזאציעס איינצופירן פראיעקטן וואס קויפן איין ניו יארק-געוואקסענער פראדוקטן, און פארטיילען זיי פאר באזייטיגטע קאמיוניטיס. עס שטעלט אויך צו טעכנישע הילף צו העלפן פרוכט און גרינצייג האדעווער פארקויפן זייערע פראדוקטן צו די ניו יארק עסן פאר ניו יארק פאמיליעס פראגראם.

אויף די העלט אפטיילונג'ס וועבזייטל, קענט איר טרעפן מער אינפארמאציע אויף די[הונגער פארמיידונג און נעהרונג הילף פראגראם](), [ספעציעלע סופלעמענטל נעהרונג פראגראם פאר פרויען, בעיביס און קינדער](), [קאמאדיטי סופלעמענטל עסן פראגראם](), און די [קינדער און ערוואקסענע קעיר עסן פראגראם]().

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן